# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום כיפור, שנת תשפ"ז לפ"ק

שנה 16, גליון 1 (766)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:38
מוצאי יום כיפור..............8:07

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שמואל-ב י"ט
בבלי........................בכורות ג'
ירושלמי.............................-
תוספתא....................עדיות ג'
רמב"ם.....................אישות כ"ה

# כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ו:) "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּיפּוּרִים", יוֹם כִּיפּוּר אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, אַ טָאג וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ יוֹם טוֹב, אוּן מְ'דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב.

יוֹם כִּיפּוּר הֶערְשְׁט גָאר אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מְ'קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, דִי הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג ווִי דִי מַלְאָכִים, אוּן דֶער שָׂטָן קֶען גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין. חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים, מִזְמוֹר כ"ז) "הַשָּׂטָן" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 364, וַוייל אִין 364 טֶעג אַ יָאר הָאט דֶער שָׂטָן רְשׁוּת מְקַטְרֵג צוּ זַיין, אָבֶּער אוּם יוֹם כִּיפּוּר, דֶער 365'סְטֶע טָאג, קֶען עֶר נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס שְׁוֶועריקַייטְן מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן מְ'וֶועט זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען ווִיל. לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר.

אִין לוֹיף פוּנֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּיפּוּר, וֶוערְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּנֶעם תַּעֲנִית, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּפִיל צוּ בֶּעטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אָנְצוּהוֹיבְּן שׁוֹין פוּן בַּיינַאכְט, וֶוען מְ'אִיז נָאכְנִישְׁט הוּנְגֶערִיג, אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע קֶען מֶען טוּן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַאר'ן דַאוֶוענֶען, וֶוען מְ'אִיז נָאךְ פְרִישׁ, דֶעמָאלְט זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת וָואס מְ'הָאט, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי דִי הַפְסָקוֹת צְווִישְׁן דִי תְּפִלּוֹת, קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה.

אֵיינֶע פוּן דִי שִׂמְחוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר, זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ל':), אִיז דָאס אַז מְ'הָאט דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת. קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אוֹיךְ דָא אַן עִנְיָן פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס סְ'אִיז נִישְׁטָא צוּפִיל צַייט אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ אִין דֶעם טָאג, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָּר אִיז דֶער רָצוֹן אוּן דֶער ווִילְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וַוייזְט אַרוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס הַארְץ זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶפֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ו', ו') וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ", אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִבְרֵי תּוֹרָה, חִיזּוּק אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶּער אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִים, עֶס לִיגְט אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶס גֵייט אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין טִיף אִין הַארְץ אַרַיין, דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. דֶערְפַאר קְלַאפְּט מֶען אוֹיפְ'ן הַארְץ בַּיים זָאגְן "אָשַׁמְנוּ" אוּן "עַל חֵטְא", ווִי אֵיינֶער קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר אוּן בֶּעט מְ'זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז דֶער "פּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה", אַז עֶר זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן אָנֶנֶעמֶען דִי רֵייד פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס ווִילְן אוּנְז נָאר גֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, זֵיי ווִילְן אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר, מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אשׁ לְיוֹם הַכִּיפּוּרִים)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן

חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן
<<<<<<

# א גוט ווארט

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טָאג, אַ טָאג וָואס מֶען דַארְף זַיין צֶעבְּרָאכְן, אַ טָאג וָואס מֶען אִיז נֶערְוֶועז. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז יוֹם כִּיפּוּר דִי פְרֵיילִיכְסְטֶער טָאג פוּנֶעם יָאר, אִין דֶעם טָאג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן מִיר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט.

מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיף אַלֶעס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, חוּץ אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:) "עֲבֵרוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עֲבֵרוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרוֹ"; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן דַארְף עֶר יֶענֶעם אִיבֶּער בֶּעטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען יֶענֶעם בַּאצָאלְן, אָדֶער זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען מִיט יֶענֶעם, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל וַוארְטְן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז עֶר וֶועט אִים קֶענֶען בַּאצָאלְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה תשע"ח)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דַארְף עֶר טוּישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוּישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁייכוּת מִיט סַיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרוֹי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם וְוִי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע וְוִי בִּיז יֶעצְט, וְוִי אַזוֹי טוּן מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אִין דִי הַפְטוֹרָה פוּן שַׁבָּת שׁוּבָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וְוִיל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וְוִיל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוּיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוּיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וְוִי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִילְט וְוִי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער (תְּהִלִּים ל"ד, ט') "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'", פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

**סה. מִשָּׁעָה שֶׁאָדָם חוֹשֵׁב לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, אֲזַי מְקַבְּלִין תְּפִלָּתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא עָשָׂה עֲדַיִן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר אַז עֶר וְוִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז מֶען שׁוֹין מְקַבֵּל זַיין תְּפִלּוֹת, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.**

# הערליכע דערהויבענע ראש השנה
# ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן

גאר א שיינעם געהויבענעם יום טוב ראש השנה איז אריבער אויף אנשי שלומינו אין אומאן, עס איז שווער אראפצושרייבן דעם גאנצן יום טוב אין די קורצע שפאלטענעס פונעם גליון, מיר וועלן בלויז פרובירן צו געבן א קורצע באריכט פון די הייליגע טעג.

קרוב צו הונדערט טויזנט אידן האבן זוכה געווען דורכצוברעכן אלע מניעות און שוועריקייטן און זוכה געווען צו זיין דאס יאר ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, פון יעדן ווינקל פון איבער די גאנצע וועלט קומען אידן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, אויסצופאלגן זיין בקשה אז מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו'פועל'ן א זיס ליכטיג יאר, און אהיימצופארן מיט א ריינע נשמה און מיט פילע זעק מיט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

טראץ דעם וואס אין די לעצטע פאר יאר איז געווארן פיל שווערער צו קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, צוליב דעם וואס די לופטפעלדער אין אוקריינא זענען פארשלאסן און מען דארף קומען צו פארן דורך די ארומיגע לענדער, א זאך וואס מאכט די נסיעות פיל שווערער און לענגער, פון דעסט וועגן ווערט דער קיבוץ ביים הייליגן רבי'ן נאר מער און גרעסער מיט יעדן ראש השנה וואס קומט צו גיין.

דער ריזן ציבור האט זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אומאן, פילע טויזנטער דירות, אכסניות, און האטעלן זענען געווארן איבערגעפילט מיט אידן אין לויף פון די טעג פאר ראש השנה; הונדערטער שולן און בתי מדרשים איבער גאנץ אומאן זענען געווען פול מיט אידן במשך דעם יום טוב וועלכע האבן זיך צוזאמגעקליבן צו דאווענען און אויסבעטן א גוט יאר; אבער דאס הארץ פון די פילע טויזנטער אידן זענען אלע געווען געווענדן צו איין פלאץ, צום ציון הקדוש פון הייליגן רבי'ן, וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו'פועל'ן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

### *בנין היכל הקודש אין אומאן*

דער בנין היכל הקודש אין אומאן, א שטילער ווינקל ארויס פון די רעשיגע הויפט גאסן פון אומאן, האט זיך ארויסגעשטעלט אין די לעצטיגע יארן צו זיין גאר א געשמאקע פלאץ פאר אנשי שלומינו במשך דעם יום טוב, אלע געברויכן זענען צוגעשטעלט אויפ'ן פלאץ, דער גרויסער היכל הבית המדרש, א מקוה, און עס זאל, די אויבערשטע שטאקן מיט שלאף צימערן, און אזוי ווייטער אלעס ארום, אלעס איז צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם, א דאנק די חשובע אינגעלייט וואס לייגן אריין שווערע כוחות פאר לאנגע וואכן און חדשים במשך דעם יאר, פאר די טובה פון אלע אנשי שלומינו.

ספעציעל פאר די וואס ברענגען שוין מיט קינדער קיין אומאן, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז מען זאל מיטברענגען די קינדער קיין אומאן, זאלן די קינדער אויפוואקסן און וויסן אז ראש השנה איז מען ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, איז דער בנין ממש א ישועה, א הייליגע און ריינע פלאץ, אפגעהיטן פון די גאס, וואו די קינדער קענען שיין מיטהאלטן דעם גאנצן יום טוב, און זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

אין די לעצטע יארן איז אויך געווען צוגעשטעלט אין די וואכן טעג אין אומאן א הערליכער חדר פאר אלע קינדער וואס זענען געקומען קיין אומאן אינעם בנין היכל הקודש, דאס יאר איז נישט געווען צופיל וואכן טעג צו מאכן חדר פאר די קינדער, דעריבער האט מען געמאכט די חדר נאר אום ערב ראש השנה, נאנט צו צוויי הונדערט קינדער זענען געווען אין חדר, אנגעפירט דורך חשובע מלמדים, די קינדער האבן אינאיינעם געגעסן, געדאווענט און געלערנט, און ביי חצות היום זענען די קינדער געגאנגען מיט די מלמדים צום ציון הקדוש צו זאגן אינאיינעם תיקון הכללי, און זיך אויסבעטן אלעם גוטס.

במשך דעם יום טוב זענען די קינדער געזעסן אין שול אינאיינעם מיט די מלמדים, אויבן אן נעבן דעם ראש ישיבה שליט"א און שיין געדאווענט מיט חשק און ברען. און ביים סוף פונעם יום טוב זענען די קינדער באלוינט געווארן מיט ווערדפולע מתנות, פאר'ן אזוי שיין זיך אויפפירן במשך די גאנצע צייט אין אומאן.

### *שאטל*

די גבאים פונעם "רענט קאמפיין" און די "נסיעה טרעוול" רייזע אגענטור, האבן דאס יאר ווידער צוגעשטעלט די גאר נוצבארע סערוויס, די שאטל באסעס וואס קורסירן צווישן דעם בנין היכל הקודש (וואס איז א האלבע שעה ווייט צו גיין צופיס) און דעם הייליגן ציון, דער שאטל איז אנגעגאנגען פיר און צוואנציג שעה ארום דעם זייגער אין די וואכן טעג, ווען יעדע פופצן מינוט איז געווען א באס סיי ביים ציון הקדוש און סיי ביים בנין היכל הקודש, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען אנצוקומען גרינגערהייט צום הייליגן ציון וואו מען האט זיך אויסגעבעטן א גוט יאר.

### *סליחות זכור ברית*

ערב ראש השנה פארטאגס, אום 4:15, איז דער גאנצער ציבור זיך צוזאם געקומען אין בית המדרש צו זאגן אינאיינעם סליחות זכות ברית מיט גרויס התעוררות, פאר'ן עמוד האט פארגעזאגט דער חשובער גבאי פון שטעטל מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, און אינאיינעם האט מען זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר.

גלייך נאך סליחות האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית כוותיקין, און נאכ'ן דאווענען און תיקון הכללי האט זיך פארמירט לאנגע ליניעס אריבערצוגיין דעם ראש ישיבה שליט"א פאר פדיון נפש, דער ראש ישיבה שליט"א האט יעדן געגעבן זיין פריוואטע צייט און אנגעווינטשן להכתב בכתיבה וחתימה טובה.

### *התעוררות ביים ציון*

די התעוררות וואס טוט זיך ביים הייליגן ציון איז נישט מעגליך צו באשרייבן פאר דער וואס איז נישט דארט געווען. פיר און צוואנציג שעה אין טאג איז דער הייליגער ציון באלאגערט פון אידן וואס קומען צום הייליגן ארט פון וואו טויזנטער תפילות ווערן געענטפערט. מען קומט אהין און מען גייט ווי אריין אין אן אנדערע וועלט, מען זעט נישט

<<<<<<

קיינעם און מען הערט נישט קיינעם, ביים ציון פון הייליגן רבי'ן זעט מען נאר דעם אייבערשטן, דאס הארץ עפנט זיך אויף, מען וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, מען פועל'ט ישועות, און מען גייט ארויס מיט א לייכטע געמיט און פארזיכערט אז די תפילות זענען אנגענומען געווארן ביים אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר ראש השנה אז יעדן טאג וואס מען געפונט זיך אין אומאן זאל מען כאטש איינמאל גיין צום ציון, אנשי שלומינו האבן טאקע אויסגענוצט די הייליגע טעג פון ראש השנה און ארום, און זענען יעדן טאג געגאנגען צום ציון, טייל איין מאל און טייל עטליכע מאל, יעדער לויט זיין מעגליכקייט, און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס.

אין די צוויי טעג ראש השנה זענען רוב עולם געגאנגען פארטאגס צום ציון, ווען דער ציון איז מער ליידיגער און די הארץ איז מער אפן און דער מח האט מער ישוב הדעת, און דערנאך איז מען צוריק געקומען צום דאווענען אין בית המדרש.

### *ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן*

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאם געקומען צו מנחה, דער חשובער דיין שליט"א איז צוגעגאנגען צום לעצטן מנחה פון יאר וואס מ'האט געדאווענט מיט א שטארקע התעוררות. מעריבית האט געדאווענען מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, וואס האט אויך פארגעזינגען דעם פיוט "אחות קטנה", אויפ'ן ספרדישן ניגון, אזוי ווי מען פלעגט עס זינגען ביי מוהרא"ש. נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

נאך א שיינע סעודה, האט זיך דער עולם געאיילט צו גיין שלאפן, כדי צו קענען אויפשטיין אינדערפרי פאר'ן עלות נישט צו פארשלאפן דעם מזל, מען איז געלאפן אין מקוה און געגאנגען צום ציון.

אום אכט אזייגער האט מען זיך געשטעלט דאווענען, צו פסוקי דזמרא איז צוגעגאנגען די ערשטע טאג מו"ה שלמה רוטה שליט"א, און די צווייטע טאג האט געדאווענט מו"ה אלחנן חיים רוטה שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט שחרית און מוסף, וואס איז געווען זייער שיין, די בארימטע כאאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען, עס האט געהערשט גאר א גרויסע התעוררות אין שול ביי די תפלות, פילע הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט צום בנין היכל הקודש מיטצוהאלטן די הערליכע און התעוררות'דיגע דאווענען, וואס האט צועפנט די הערצער פון אלע מתפללים, און דאס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי זיי פאר א לאנגע צייט.

כאטש וואס מען האט נישט געבלאזן שופר דעם ערשטן טאג ראש השנה, וואס איז אויסגעפאלן אום שבת קודש, האט אבער דער ראש ישיבה שליט"א יא געגעבן א תקיעת שופר דרשה, אזוי ווי דער מנהג פון צדיקים. דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט דעם זוהר וואס מען זאגט פאר די תקיעות, וואס שטייט דארט אז ווען מען בלאזט שופר אונטן, בלאזט מען שופר אויך אויבן אין הימל, און היינט שבת אז מען בלאזט נישט אונטן, בלאזט מען אבער יא אויבן, און אז מען בלאזט שופר אויבן איז עס זיכער אויפ'ן בעסטן אופן וואס קען נאר זיין, און עס איז זיכער ממתיק אלע דינים. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פון דעם וואס חז"ל זאגן אז פילע עקרות זענען נפקד געווארן מיט קינדער אום ראש השנה, און אז יעצט קען מען זיך אויסבעטן פאר קינדער, סיי ווער עסווארט אויף קינדער און סיי ווער עס ווייסט פון א קרוב, א חבר, אדער אן אנדערע איד וואס ווארט אויף קינדער, זאל מען מתפלל זיין פאר זיין, אויך איז יוסף הצדיק ארויס פון תפיסה אום ראש השנה, קען מען מתפלל זיין פאר אידן יושבי חושך וצלמות, און יעדער זאל ארויסגיין פון זיינע צרות, און אויך זענען דא מענטשן וואס זענען געבינדען אינעם תפיסה פונעם יצר הרע, זיי קענען זיך נישט אפרייסן פון שלעכטע געוואוינהייטן, און ווי מען רופט עס אין אמעריקא "מען איז עדיקטעד", און אויף אידיש הייסט עס אז מען האט א גרויסע נסיון אויף דעם, איז יעצט די צייט אום ראש השנה צו מתפלל און זיך אויסבעטן אויף דעם צו ווערן אויסגעלייזט פון תפיסה, ווער עס ווארט אויף א שידוך איז יעצט די צייט אויך צו בעטן אויף דעם, און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעענדיגט מיט דעם וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר תקיעות שופר אז ווער עס האט א שנאה אויף א צווייטן איד זאל ארויסגיין פון בית המדרש, יעדער זאל זיך איבערבעטן, מוחל זיין, און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.

ביי די סעודה האט מען געבענטשט נאך די פיש, מען האט צעטיילט די סעודה צו עסן שלש סעודות, און דער ראש ישיבה שליט"א איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש און געגעבן א דרשה.

### *סיפורי מעשיות*

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז אזוי ווי מען פירט זיך ביי אנשי שלומינו צו פארלערנען סיפורי מעשיות שבת אינדערפרי, און יעצט דארף מען דאך סיי ווי מאכן א שטיקל הפסק צווישן די צוויי סעודות, וועט מען פארלערנען סיפורי מעשיות. דער ראש ישיבה שליט"א פירט זיך צו רעדן שבת אינדערפרי ביי סיפורי מעשיות פון שלום בית, און די אידן פון ארץ ישראל און פון אנדערע מקומות קענען דאס דאך נישט מיטהאלטן, וועט מען יעצט רעדן אביסל פון שלום בית. דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט די ערשטע שורה פון סיפורי מעשיות, וואס דער הייליגער רבי זאגט "אויפ'ן וועג האב איך דערציילט א מעשה, וואס ווערט עס האט איר געהערט האט געהאט אן הרהור תשובה", דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז יעצט אויף די וועגן קיין אומאן האט מען זיך אויסגעלערנט צו האבן אסאך סבלנות, מען האט געדארפטווארטן ביי פליגער, ביים באן, ביים קאר, ביים גרעניץ, ביים טשעקפוינט, און אזוי ווייטער יעדער איינער מיט זיינע שוועריקייטן אויף די וועגן, און מען קען זיך נישט יאגן אין ערגעץ, מען קען נאר ווארטן מיט געדולד און בעטן דעם אייבערשטן, און די זעלבע איז מיט'ן גאנצן לעבן וואס איז ווי איין לאנגע וועג, מען ווערט געבוירן, מען באקומט פיאות, מען גייט דורך די קינדערישע יארן, די בחורישע יארן, און אזוי ווייטער אין לעבן, און די איינציגסטע וועג דאס אריבער צו גיין איז נאר מיט אסאך תפלה און סבלנות.

און די זעלבע איז מיט שלום בית, צו וואס מען קען נאר זוכה זיין מיט אסאך תפלה און סבלנות, דער עיקר סוד ליגט אינעם מויל, רעדן שיין אינדערהיים, געבן גוטע ווערטער, נאר אויסלויבן און אויסרימען און מאכן גוט שפירן, קיינמאל זיך נישט טענה'ען און אריינגיין אין ויכוחים, אבער מיט דעם אלעם דארף מען האבן אסאך סבלנות, עס קען נעמען צייט, אבער אז מען דערהאלט זיך איז מען זוכה אז די שכינה רועט אינדערהיים, עס ווערט א גן עדן אינדערהיים, מען האט הנאה יעדע רגע צו זיין אינדערהיים, און דאס איז עבודת ה', דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז, אז מיר זאלן אין שטוב באהבה ואחוה ושלום וריעות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פארשידענע מעשיות וואס ער האט מיטגעהאלטן ערשט האנטיג דאס יאר פון אינגעלייט וואס האבן אינוועסטירט גרויסע געלטער און למעשה האט זיך גארנישט אויסגעארבעט און זיי האבן פארלוירן די גאנצע געלט, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז ווען עס קומט צו געלט פארשטייען מענטשן אז עס לוינט זיך צו אינוועסטירן און ווארטן לאנגע יארן צו קענען זען רווחים, און זיכער ביי שלום בית, וואס האט פיל מער שאנסן מצליח צו זיין, דארף מען האבן אינוועסטירן אסאך געדולד און סבלנות, רעדן שיין און געבן אסאך גוטע ווערטער, און מיט די צייט וועט מען זען פון דעם אמת'דיגע ריזיגע פארדינסטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט פון צדיקים אז ווען עס איז שבת די ערשטע טאג ראש השנה, מיט די טשאלנט וואס מען עסט איז מען מתקן די זעלבע תיקונים ווי תקיעת שופר. דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס שיין מסביר געווען אז די חמין וואס מען עסט שבת איז דאך צו פאלגן וואס די הייליגע חכמים האבן געזאגט, להוציא מלבן של צדוקים, די אויבער-חכמים פון יענע צייט וואס האבן זיך איינגערעדט אז זיי פארשטייען בעסער און אז מען טאר נישט עסן ווארעמס אום שבת, דאס איז געווען דער נסיון אין יענע צייטן, און היינטיגע צייטן איז דא די היינטיגע נסיונות, און ווער עס האט שכל און פאלגט וואס די צדיקים און די רבנים זאגן, ספעציעל אין דעם ענין פון טעכנעאלאגיע, נישט אריינצוברענגען אין שטוב קיין סמארטפאון, טעבלעט, קאמפיוטער, וכדומה, דער וועט זוכה זיין און האבן א גוט לעבן, און ווער עס איז אן אויבער חכם און ער פארשטייט בעסער, וועט נעבעך קענען ביטער ליידן פון דעם. מיט דעם וואס מען פאלגט די חכמים, מיט דעם איז מען אלעם מתקן, פונקט ווי מיט תקיעת שופר.

### *מיטל נאכט*

אום מיטל נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א דרשה צווישן מנחה און מעריב, און דער ראש ישיבה שליט"א האט טאקע אנגעהויבן מיט דעם אז דער הייליגער רבי האט זיך אזוי געפירט, רוב לאנגע גרויסע תורות אין ליקוטי מוהר"ן איז פון די דרשות מיטל נאכט ראש השנה, און אזוי האט אויך רבי נתן געטוען, און אזוי האט מען געזען ביי מוהרא"ש.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט פון די שוועריקייטן און מניעות וואס יעדער גייט דורך ביז ער זוכה אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער עס לוינט זיך די גאנצע שלעפ מיט די אלע שוועריקייטן, אזוי ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אין זיין לעצטע ראש השנה ווען ער איז שוין געווען אין אומאן, "וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס פון דעם נישט פארהאן", נישטא עפעס גרעסערס ווי צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען די וואס מוטשען זיך מיט געלט אז דער רבי האט געזאגט אז ער זארגט זיך פאר די שפעזן פון די וואס קומען צו אים, און די וואס דארפן זיך איבערבעטן, האט רבי נתן געזאגט, "דאנקען גאט אז נאך ראש השנה קומט יום כיפור, און יעדער בעט זיך איבער".

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט אז דער רבינ'ס זאך איז דער עיקר "התחזקות", זיך שטארקן אנצוגיין אפילו ווען זאכן גייען נישט כסדר, דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט מיט א איד אין די צייטן פון רבי נתן, וואס יענער פלעגט לכתחלה פאסטן יעדע וואך משבת לשבת, אבער איינמאל ווען עס איז אריבער אויף אים א שוועריקייט איז ער נעבעך אינגאנצן אוועקגעפאלן, דער קונץ איז נישט צו קענען אנגיין ווען אלעס גייט ווי געשמירט, נאר אפילו ווען מען פאלט אראפ, זאכן גייען נישט גוט און גרינג, זאל מען ווייטער קענען אנגיין מיט א שטארקייט, אפילו ווען זאכן גייען נאר האלבוועגס.

פון דעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעפארן אין א לענגערע שמועס איבער דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, וואס ביי דעם קען מען ממש זען אז נאר מיט התחזקות קען מען מצליח זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג, אודאי האט זיך יעדער זיין סדר ווי אזוי ער לערנט, צי מיט א חברותא צי מיט א מגיד שיעור, און אזוי ווייטער, עס זענען דא אבער אזויפיל טעג וואס מען קומט נישט צו לערנען קיין תורה, צום ביישפיל יעצט אום ערב ראש השנה, אום ראש השנה, און אזוי ווייטער, וויפיל מענטשן קומען אן צו לערנען תורה אין די טעג, ווען מען האט אבער דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז מען קען לערנען די ווערטער פון תורה אפילו אן פארשטיין, אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט נישט געלערנט, קען מען אלץ האבן מיט זיך עטליכע ספרים, א חומש, א משניות, א גמרא, א תהלים, און דאס גלייכן, און מען קען אלץ און אלעמאל אריינכאפן נאך און נאך פון די הייליגע תורה, צו דעם דארף מען גארנישט האבן, און דאס קען מען אלעמאל טון.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך שטארק ארומגערעדט פון התבודדות, זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, ובפרט דא אין אומאן זאל מען אויסנוצן די צייט און זיך אויסבעטן אלעס וואס מען דארף. דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז א אינגערמאן האט אים געזאגט פאריאר אז ער האט באשלאסן אז כאטש וואס ער וויל בעטן אסאך זאכן אין אומאן, וועט ער אבער נעמען איין זאך אויף וואס ער וועט ספעציעל שטארק בעטן און דאס אויס'פועל'ן, און דאס איז געווען אז ער זאל קענען ארויסנעמען דעם טעבלעט פון דערהיים, א זאך וואס ער דארף באמת זייער וויכטיג האבן לצורך זיין פרנסה, ער ווייסט אבער אז עס איז נישט אויסגעהאלטן צו האלטן אין שטוב, און ער ווייסט נישט ווי אזוי דאס צו באווייזן, און למעשה האט ער דאס טאקע אויסגע'פועל'ט, ער האט געטראפן א וועג ווי אזוי דאס ארויסצוזען פון הויז.

דער ראש ישיבה שליט"א האט קלאר געשטעלט אז ער רעדט נישט פון די וואס האבן כלים אן קיין פילטער, ער איז קיינעם נישט חושד אפילו אויף אזא זאך, אבער אפילו מיט א פילטער דארף מען האבן גרויס רחמי שמים, דערווייל איז נאכנישטא קיין פילטער וואס זאל ארויסנעמען די ליצנות און די קאלטקייט צו אידישקייט וואס מען באקומט פון די אלע כלים, און מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן צו קענען פטור ווערן דערפון.

נאך מעריב איז ווידער געווען א שיינע סעודה, און דער עולם האט זיך געלייגט שלאפן גלייך נאך די סעודה, אויפגעשטאנען ביים עלות, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, די תפלות דעם צווייטן טאג זענען אויך געווען מיט'ן זעלבן ברען און התעוררות, מיט א געוואלדיגע פרישקייט צו ממליך זיין דעם אייבערשטן און זיך אויסצובעטן א גוט געבענטשט יאר.

***צווייטן טאג יום טוב***

דעם צווייטן טאג האבן מיר געהאט די זכי' צו הערן שופר בלאזן פונעם ראש ישיבה שליט"א, פאר די תקיעות האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין, בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן, און ער קען נישט מקטרג זיין, און דערפאר איז עס זייער א גוטע צייט וואס מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל, און איבערבעטן דעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ווידער זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, מען זאל זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו ווען מ'האלט אנדערש פון יענעם, דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן, דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אנגעווארעמט דעם ציבור אז ווער ס'האט א שווער הארץ אויף א צווייטן, איז יעצט די ריכטיגע צייט יעדן מוחל צו זיין, און אנהויבן א נייעם בלאט אין לעבן, צו זיין בשלום ושלוה מיט אלע אידישע קינדער.

איבער דעם ענין פון זיך "אויסבעטן", האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט ווען דער הייליגער רבי איז שוין זייער נישט געזונט געווען, און זיין אייניקל ישראל איז אריינגעקומען צו אים, האט אים דער רבי געזאגט, "ישראליק, בעט דעם אייבערשטן פאר מיר אז איך זאל זיין געזונט", דער קליינער ישראליק האט געזאגט אז ער וויל עפעס באקומען פאר דעם, און דער רבי האט אים געגעבן זיין גאלדענעם זייגער, און דאן האט ישראליק זיך אנגערופן, "גאט גאט, לאז מיין זיידע זיין געזונט", דער עולם ארום האט זיך צושמייכלט פון דעם קליינעם, 'פאר דעם האסטו באקומען דעם גאלדענעם זייגער, בלויז צו זאגן די פאר פשוטע ווערטער?!", אבער דער רבי האט זיך אנגערופן צום עולם און זיי פארגעהאלטן פארוואס זיי לאכן פונעם קינד, "ווי אזוי דען בעט מען דעם אייבערשטן, אויב נישט אזוי?", און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט אז דאס מיינט זיך אויסבעטן, פשוט צו בעטן אויף די אייגענע שפראך אלעס וואס מען דארף, "באשעפער איך דארף פרנסה", "באשעפער איך דארף קינדער", "באשעפער איך דארף נחת פון די קינדער", "באשעפער איך וויל זיין געזונט", און אזוי ווייטער בעט יעדער זיינע געברויכן אויף א פשוטע שפראך.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א שיינע סעודה, בעלי מנגנים און חזנים האבן זיך אויפגעשטעלט זינגען שיינע ניגונים און נוסחאות לכבוד יום טוב.

אום פינף דרייסיג איז מען געגאנגען אינאיינעם זאגן תשליך ביים וואסער, און נאכ'ן זאגן די תפלות און מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

נאכמיטאג האט מען געדאווענט מנחה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה ווידער געגעבן א שיינע דרשה, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וויפיל מען דארף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען איבערצוקומען אלע מניעות און זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, און מען קען נישט קוקן אויף דעם צי מען האט יא געהאט א געפיל אדער נישט, ווען עס קומט צו אידישקייט דארף מען טון וואס איז ריכטיג, וואס דער אייבערשטער וויל, מען קען נישט קוקן צי מען האט געפיל אין דעם אדער נישט, יעצט קומט דער הייליגער יום טוב סוכות, מען דארף זיצן אין די סוכה, מען דארף שאקלען לולב, נישט קיין חילוק צי מען האט יא א געפיל אין דעם אדער נישט.

מען דארף מיטנעמען דעם רבי'ן אויך אויף די גאנצע יאר, נישט נאר אויף ראש השנה, לערנען די ספרים פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, זיך שטארקן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, איבערגעבן אויך פאר די קינדער די לימודים פון הייליגן רבי'ן, דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די ברסלב'ע מוסדות, סיי אין אמעריקא און סיי אין ארץ ישראל, וואו מען רעדט צו די קינדער יעדן טאג פון הייליגן רבי'ן, די קינדער וואקסן אויף מיט'ן רבי'ן, און בעיקר מיט די הויפט עצה פון הייליגן רבי'ן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן און אים בעטן כסדר אלעס וואס מען וויל.

דער ראש ישיבה שליט"א איז ווידער אריין אין א שמועס פון שלום בית, עס זעט אויס ווי א זייטיגע זאך, וואס איז אפשר נישט די צייט צו רעדן פון דעם אום ראש השנה, אבער באמת איז דאס פון די יסודות פון א איד, ווען מען האט שלום בית, ווען עס איז געשמאק און פרייליך אינדערהיים, דאן האט דער מענטש א ריינעם מח, און ער קען דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, ער קען זיין אן ערליכער איד. דער הייליגער רבי האט זייער שטארק אנגעזאגט אז מען דארף מכבד זיין און האלטן טייער די ווייב, און דאס איז נישט געזאגט געווארן ווען די ווייב שטעלט זיך צו מיט אלעס וואס עס שמעקט פאר'ן מאן, אלעס איז צוגעגרייט און אויפגערוימט און מסודר ווי עס דארף צו זיין, אין אזא פאל דארף מען נישט אזוי אנווארענען צו האבן שלום בית און איר האלטן טייער, מען רעדט דאך ווען זאכן זענען נישט אזוי מסודר, די ווייב איז נישט אין א גוטע מוד, מען שרייט און עס איז אנגעצויגן, דעמאלט איז די קונץ זיך צו האלטן רואיג מיט סבלנות, אויסהערן און אויסרעדן, פרייליך מאכן און איברבעטן, און אזוי רועט די שכינה אין שטוב.

ווען א מענטש שפירט נישט באקוועם צו זיין אינדערהיים, ער ווערט נערוועז פון זיין שטוב, איז עס נישט די שולד פון זיין ווייב, נאר ער דארף גיין אין די זייט און שרייען און וויינען צום אייבערשטן, תשובה טון אויף זיינע עבירות, און בעטן דעם אייבערשטן עס זאל אים זיין געשמאק אינדערהיים, ווייל אלעס ליגט אין די הענט פונעם מאן, ער איז דער וואס קען און דארף מאכן פרייליך און בא'טעמ'ט אין שטוב.

ביי דעם שטיקל איז דער ראש ישיבה שליט"א געווארן זייער איבערגענומען און ממש געשריגן מיט ווייטאג אויף דעם וואס עס זענען דא מענטשן וואס עס זיי אזוי לאנגווייליג אינדערהיים און זיי רופן פרעמדע פארפעלקער צו סעודות וכדומה, און נאר אזוי איז זיי געשמאק, דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער געקרעכצט אויף דעם, דאס איז זייער א הארבע זאך, עס קען אויסזען ווי א קלייניקייט, מען שמועסט נאר און מען פארברענגט צוזאמען, אבער דאס איז ממש דאס ערגסטע רחמנא ליצלן, דאס איז א זאך וואס טאר נישט זיין אין א אידישע שטוב, דאס איז נישט קיין הכנסת אורחים בכלל, א אידיש הויז דארף זיך פירן הייליג מיט קדושה, מיט די אייגענע פאמיליע, היינטיגע צייטן איז הכנסת אורחים ווען מען קען געבן אן היטש פאר א צווייטן איד, מען נעמט אריין א איד אין די קאר און מען טראגט אים אפ וואו ער דארף צו גיין, אבער אריינצונעמען אין שטוב פרעמדע מענטשן, ווען עס איז נישט הונדערט פראצענט מיט צניעות און קדושה.

דער עיקר איז תפלה, בעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין געשמאק אינדערהיים, און בעטן בכלל אויף יעדע זאך וואס מען דארף, דאס איז די געווער פון א איד, אלעס ליגט אינעם מויל. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז איינער האט אים געפרעגט איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר "מען דארף זיך אויסרעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט צו א נאנטער חבר, מיט א חבר קען מען זיצן און שמועסן פאר לאנגע שעות, פארברענגען גאנצע נאכט, און ווען עס קומט צו רעדן צום אייבערשטן ווערט די מויל פאר מאכט און מען קען נישט רעדן אווארט", האט יענער געזאגט אז ער קען אויך נישט רעדן מיט א חבר, ער איז א פארמאכטער מענטש, עס איז אים שווער זיך אויסצושמועסן אפילו מיט א נאנטער חבר, אויף דעם האט דער ראש ישיבה שליט"א רעאגירט אז מען דארף בעטן אויף דעם אליין, מען דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען רעדן צו אים, זיך קענען אויסשמועסן מיט אים, ווייל ווען א איד איז זוכה און ער קען יעדן טאג רעדן אפאר ווערטער מיט'ן אייבערשטן, אים דערציילן אלעס וואס ליגט אויפ'ן הארץ, דאן איז דער מענטש שוין א געהאלפענער.

עס זענען מענטשן פון דערווייטנס ווארטן א גאנץ יאר צו טרעפן דעם ראש ישיבה שליט"א אין אומאן, זיי האבן זאכן צו פרעגן און זיך אויסשמועסן, און ווען עס קומט שוין ענדליך ראש השנה אין אומאן, אזא פארנומענע צייט, קומט אים אפילו נישט אויס צו רעדן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ביים אייבערשטן דארף מען אבער נישט ווארטן, מען דארף נישט קיין אפוינטמענט, מען קען אלץ עפענען דאס מויל און זיך אויסרעדן מיט'ן אייבערשטן און געהאלפן ווערן מיט אלעס גוטס.

***מוצאי' יום טוב***

גלייך נאכ'ן זמן, נאך מעריב און הבדלה, איז דער עולם געלאפן זיך צוזאמפאקן און ארויספארן, יעדער האט געוואלט ווי שנעלער דורכפארן די גרעניצן און כאפן זיין פליגער, אבער דער טעם פון דעם דערהויבענעם יום טוב איז געבליבן ביי יעדן אין די ביינער, און ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט:

**ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה, קען זיך פרייען א גאנץ יאר!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל אפענהיים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **בנימין זאב זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **יואל מארקאוויטש** הי"ו בארא פארק
צו די געבורט פון א צווילינג, אינגל און מיידל, למז"ט

## בצילא דמהימנותא

גרייט אייך צום הייליגן און געשמאק יום טוב
סוכות מיט שיעורים, דרשות, לימודים, קהלת,
מעשיות פאר קינדער, און נאך
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >